# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות..................5:53
מוצאי יו"ט......................7:18

**שיעורים כסדרן** (שמיני עצרת)
נ"ך.........................הושע י'-י"א
בבלי..........................תמיד ל"ד
ירושלמי......................שבת מ"ח
תוספתא.............עדיות פרק ב'
רמב"ם............גזילה ואבידה ט'

שמחת תורה, שנת תש"פ לפ"ק
שנה 9, גליון 4 (418)


## אַ מַעֲשֶׂה אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

### וּמְתוּקִים מִדְּבַשׁ וְנֹפֶת צוּפִים

דֶער גָאוֹן רֶבִּי שִׁמְעוֹן שְׁוַואבּ זַצַ"ל אִיז גֶעפָארְן אַלְס בָּחוּר פוּן אַמֶערִיקֶע קַיין פּוֹילְן צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה אִין יְשִׁיבָה אִין דִי שְׁטָאט מִיר, אוֹיפְ'ן וֶועג אַהֵיים הָאט עֶר בַּאשְׁלָאסְן זִיךְ אָפְּצוּשְׁטֶעלְן אִין שְׁטָאט רַאדִין צוּ טְרֶעפְן דֶעם הֵיילִיגְן חָפֵץ חַיִּים זי"ע אוּן נֶעמֶען אַ בְּרָכָה. בַּיים חָפֵץ חַיִּים אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶע חֲשִׁיבוּת וֶוען עֶר הָאט גֶעזֶען אַ בָּחוּר וָואס לֶערְנְט פְלַייסִיג, נָאכְדֶערְצוּ אַז דֶער בָּחוּר הָאט זִיךְ גֶעשְׁלֶעפְּט פוּן אַמֶערִיקֶע קַיין אֵייְרָאפֶּע צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה, דֶערִיבֶּער הָאט עֶר אִים זֵייעֶר מְקָרֵב גֶעוֶוען אוּן אִים גֶעלַאדֶענְט צוּ זִיךְ אַהֵיים אוֹיף שַׁבָּת.

דֶעמָאלְט אִיז גֶעוֶוען פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח, שַׁבָּת שִׁירָה, וֶוען מְ'לֵיינְט אִין דִי פַּרְשָׁה וֶועגְן דִי מָן. בַּיי דִי סְעוּדָה הָאט דֶער חָפֵץ חַיִּים זי"ע גֶערֶעדְט פוּן דִי מָן, עֶר הָאט זִיךְ גֶעקוּשְׁט דִי פִינְגֶער מִיט לִיבְשַׁאפְט אוּן גֶעשְׁמַאק אוּן אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי אִיבֶּערְגֶענוּמֶען פוּן דִי מָן, עֶר הָאט גֶעזָאגְט, "מָן מָן! וָואסֶערֶע גֶעשְׁמַאקֶע טַעֲמִים הָאט דִי מָן גֶעהַאט! מֶען הָאט דָאךְ גֶעקֶענְט שְׁפִּירְן אִין דִי מָן אַלֶע טַעֲמִים פוּן דִי וֶועלְט!"

רֶבִּי שִׁמְעוֹן אִיז דָארְט גֶעזִיצְן בַּיים טִישׁ, עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ נֵייגֶערִיגֶער בָּחוּר אוּן עֶר הָאט זִיךְ גֶענוּמֶען דִי שְׁטַארְקֵייט צוּ פְרֶעגְן דֶעם חָפֵץ חַיִּים זי"ע, "אוּן וָואס אִיז גֶעוֶוען מִיט אֵיינֶעם וָואס הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט שְׁפִּירְן קַיין שׁוּם טַעַם אִין דִי מָן, וָואסֶערֶע טַעַם הָאט עֶר גֶעפִילְט?"...

הָאט דֶער חָפֵץ חַיִּים זי"ע אִים גֶעזָאגְט אַזוֹי, "קוּק אַהֶער, אִין דִי תּוֹרָה אִיז דָאךְ אוֹיךְ דָא אַלֶע טַעֲמִים אִין דִי וֶועלְט, סְ'דָא פְּשַׁט רֶמֶז דְרוּשׁ אוּן סוֹד, אֵיינֶער הָאט מֶער לִיבּ צוּ לֶערְנֶען בְּעִיּוּן אוּן אַ צְוֵוייטֶער מֶער פָּשׁוּט, אֵיינֶער הָאט מֶער לִיבּ פָּשׁוּט פְּשַׁט אוּן אַ צְוֵוייטֶער הָאט מֶער לִיבּ דְרוּשִׁים אוּן פִּלְפּוּלִים, אֵיינֶער הָאט לִיבּ דְרוּשׁ אוּן אַ צְוֵוייטֶער וִויל מְחַדֵּשׁ זַיין אֵייגֶענֶע חִידוּשִׁים, סְ'דָאךְ דָא אַזוֹיפִיל חֲלָקִים אִין דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אַז יֶעדֶער אֵיינֶער קֶען זִיךְ טְרֶעפְן זַיין ווִינְקְל וָואס עֶר הָאט לִיבּ אוּן זִיךְ מְחַיֶּה זַיין דֶערְמִיט, עֶר קֶען שְׁפִּירְן אִין דִי תּוֹרָה גֶעוַואלְדִיגֶע גֶעשְׁמַאקֶע טַעֲמִים".

דֶער חָפֵץ חַיִּים זי"ע הָאט ווִידֶער גֶעקוּשְׁט דִי פִינְגֶער מִיט גֶעשְׁמַאק אוּן לִיבְשַׁאפְט אוּן וַוייטֶער מַמְשִׁיךְ גֶעוֶוען, "תּוֹרָה תּוֹרָה! וָואסֶערֶע גֶעשְׁמַאקֶע טַעֲמִים אִיז דָא דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה! מֶען קֶען דָאךְ שְׁפִּירְן אִין דִי תּוֹרָה אַלֶע טַעֲמִים פוּן דִי וֶועלְט! ווִידֶער זֶענֶען אָבֶּער דָא מֶענְטְשְׁן, אוּן אוֹיךְ בָּחוּרִים אִין יְשִׁיבָה, וֶועלְכֶע דְרֵייעֶן זִיךְ אַרוּם פּוּסְט אוּן לֵיידִיג, זֵיי פַארְבְּרֶענְגֶען דִי צַייט מִיט נַארִישְׁקֵייטְן, ווִיפִיל מְ'זָאל זֵיי זָאגְן אַז דִי תּוֹרָה אִיז זִיס אוּן גֶעשְׁמַאק, שְׁפִּירְן זֵיי אָבֶּער נִישְׁט דֶעם גֶעשְׁמַאקְן טַעַם אִין דֶעם"...

רֶבִּי שִׁמְעוֹן הָאט שׁוֹין גוּט פַארְשְׁטַאנֶען דֶעם עֶנְטְפֶער צוּ זַיין פְרַאגֶע, וֶוער עֶס הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין שֵׂכֶל צוּ אוֹיסְוֶועלְן אַ גוּטֶע טַעַם וָואס עֶר ווִיל פִילְן אִין דִי מָן, הָאט טַאקֶע נִישְׁט גֶעשְׁפִּירְט קַיין שׁוּם טַעַם דֶערִין, אוּן דִי זֶעלְבֶּע אִיז מִיט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אוֹיבּ אֵיינֶער ווִיל נִישְׁט שְׁפִּירְן קַיין טַעַם, שְׁפִּירְט עֶר טַאקֶע גָארְנִישְׁט, אוּן עֶר פַארְפַּאסְט אַזוֹיפִיל גוּטֶע זַאכְן מִיט וָואס עֶר וָואלְט זִיךְ וֶוען גֶעקֶענְט בַּאלֶעקְן דִי פִינְגֶער, אֵיינֶער וָואס הָאט אָבֶּער דֶעם קָאפּ אוֹיפְ'ן פְּלַאץ, וֶועט אָנְהוֹיבְּן לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אוּן דַאן וֶועט עֶר שׁוֹין שְׁפִּירְן דֶעם גֶעשְׁמַאקְן טַעַם אִין דִי

<<<<<<

## מוֹהַרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### טַאנְצְן מִיט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה

דֶער הֵיילִיגֶער רַמְבַּ"ם שְׁרַייבְּט (הִלְכוֹת לוּלָב, פֶּרֶק ח', הֲלָכָה ט"ו) אַז אַ אִיד דַארְף זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן מִיט דִי מִצְוֹת וָואס עֶר טוּט, עֶר דַארְף זַיין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ מִיט דֶעם וָואס עֶר דִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן וֶוער סֶ'אִיז נִישְׁט פְרֵיילִיךְ מִיט זַיין עֲבוֹדַת ה' קֶען בַּאקוּמֶען אוֹיף דֶעם אַ גְרוֹיסֶע שְׁטְרָאף, אַזוֹי ווִי דֶער פָּסוּק זָאגְט בַּיי דִי תּוֹכָחָה אַז דִי אַלֶע שְׁוֶוערֶע שְׁטְרָאפְן וֶועלְן קוּמֶען וַוייל מְ'הָאט נִישְׁט גֶעדִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט שִׂמְחָה אוּן מִיט אַ פְרֵיילִיךְ הַארְץ, ווִי דֶער פָּסוּק זָאגְט (דְבָרִים כ"ח, מ"ז), "תַּחַת אֲשֶׁר לֹא עָבַדְתָּ אֶת ה' אֱלֹקֶיךָ בְּשִׂמְחָה וּבְטוּב לֵבָב". אוּן וֶוער עֶס

<<<<<<

## א גוט ווארט

עֶס אִיז מְקוּבָּל פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אַז אוּם שְׁמִינִי עֲצֶרֶת טֵיילְט מֶען פוּן הִימְל פַּרְנָסָה פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם פַאר דִי גַאנְצֶע יָאר. אוּם שְׁמִינִי עֲצֶרֶת זָאגְט מֶען דִי "תְּפִלַּת גֶּשֶׁם", מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר רֶעגְן, אוּן דָאס אִיז דִי זֶעלְבֶּע ווִי פַּרְנָסָה (תַּעֲנִית ג':), וַוייל אַלֶע גֶעבְּרוֹיכְן פוּנֶעם מֶענְטְשׁ וַואקְסְן דוּרְךְ דִי רֶעגְן. דֶערְפַאר אִיז גוּט אוֹיסְצוּנוּצְן דִי סְפֶּעצִיעֶלֶע עֵת רָצוֹן אוּן זִיךְ אוֹיסְבֶּעטְן פַּרְנָסָה מִיט גְרוֹיס שֶׁפַע פַאר דִי גַאנְצֶע יָאר.

דֶער אֱמֶת אִיז אָבֶּער אַז וֶוען מְ'בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף פַּרְנָסָה, אִיז דָאס פַּאקְטִישׁ אַ תְּפִלָּה אַז מְ'זָאל נִישְׁט וֶוערְן אִין כַּעַס, אַז מְ'זָאל זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְרֶעגְן. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן ס"ח) אַז פַּרְנָסָה וֶוענְדְט זִיךְ אִין ווִיפִיל מְ'הִיט זִיךְ אָפּ נִישְׁט צוּ וֶוערְן אִין כַּעַס. אֵיידֶער מְ'ווִיל שִׁיקְן פַאר אַ מֶענְטְשׁ פַּרְנָסָה פוּן הִימְל, פְּרוּבִירְט מֶען אִים קוֹדֶם אוֹיס מִיט אַ נִסָּיוֹן פוּן כַּעַס, מְ'שִׁיקְט אִים אוּנְטֶער עֶפֶּעס אַ זַאךְ וָואס קֶען אִים גוּט אוֹיפְרֶעגְן, אוּן אוֹיבּ דֶער מֶענְטְשׁ פַאלְט דוּרְךְ אוּן עֶר רֶעגְט זִיךְ אוֹיף, דַאן פַארְלִירְט עֶר דִי פַּרְנָסָה, ווִי דֶער פָּסוּק זָאגְט (אִיּוֹב י"ח, ד') "טֹרֵף נַפְשׁוֹ בְּאַפּוֹ", וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ הַאלְט אָבֶּער קָאפּ, עֶר הַאלְט זִיךְ אַיין אוּן רֶעגְט זִיךְ נִישְׁט, דַאן בַּאקוּמְט עֶר אַ גְרוֹיסֶע שֶׁפַע פוּן פַּרְנָסָה.

דֶערְפַאר דַארְף מֶען בֶּעטְן אַלֶעמָאל דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן סְפֶּעצִיעֶל אִין דִי עֵת רָצוֹן פוּן שְׁמִינִי עֲצֶרֶת, אַז מְ'זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין אַ רוּאִיגֶער אוּן גֶעלַאסֶענֶער מֶענְטְשׁ, מְ'זָאל זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט אוֹיפְרֶעגְן, אוּן אַזוֹי וֶועט מֶען שׁוֹין אוֹיטָאמַאטִישׁ זוֹכֶה זַיין אוֹיךְ צוּ פַּרְנָסָה בְּרֶיוַח.

מְ'דַארְף אָבֶּער אוֹיךְ גֶעדֶענְקֶען וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן ס"ט) אַז פַּרְנָסָה קוּמְט פַאר אַ מֶענְטְשׁ נָאר אִין זְכוּת פוּן זַיין וַוייבּ. אוּן בֶּאֱמֶת גֵייט דָאס אִינְאֵיינֶעם מִיט וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט אִין דִי פְרִיעֶרְדִיגֶע תּוֹרָה (שָׁם, סִימָן ס"ח) אַז דוּרְךְ כַּעַס פַארְלִירְט מֶען דִי פַּרְנָסָה, וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז אִינְדֶערְהֵיים מִיט זַיין וַוייבּ, קֶען עֶר אַסַאךְ מָאל הָאבְּן נִסְיוֹנוֹת צוּ וֶוערְן אוֹיפְגֶערֶעגְט, נִישְׁט אַלְץ אִיז דִי הוֹיז אַזוֹי צוּזַאמְגֶענוּמֶען ווִי עֶר הָאט גֶעוָואלְט, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער אִיז דָא גֶענוּג סִיבּוֹת ווִי דִי וַוייבּ קֶען בְּרֶענְגֶען דֶעם מֶענְטְשׁ צוּ וֶוערְן אוֹיפְגֶערֶעגְט.

וָואס טוּט אָבֶּער נִישְׁט אַ מֶענְטְשׁ פַאר פַּרְנָסָה? עֶס לוֹינְט זִיךְ אַיינְצוּהַאלְטְן אוּן קֵיינְמָאל נִישְׁט וֶוערְן אוֹיפְגֶערֶעגְט, סְפֶּעצִיעֶל אִינְדֶערְהֵיים אוֹיף דִי וַוייבּ, אוּן אַזוֹי וֶועט מֶען הָאבְּן פַּרְנָסָה בְּשֶׁפַע אָן קַיין פְּרָאבְּלֶעמֶען. אַדְרַבָּה, אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זִיךְ אָנְשְׁטְרֶענְגֶען מְכַבֵּד צוּ זַיין דִי וַוייבּ אוּן אִיר שֶׁעצְן אוּן אַרוֹיפְקוּקְן, אוּן דָאס וֶועט אִים בְּרֶענְגֶען גְרוֹיס עֲשִׁירוּת, אַזוֹי ווִי רָבָא הָאט אָנְגֶעזָאגְט פַאר דִי מֶענְטְשְׁן פוּן מְחוֹזָא (ב"מ נט.), "זַייט מְכַבֵּד אַייעֶרֶע וַוייבֶּער, וֶועט אִיר וֶוערְן רֵייךְ".

דֶערִיבֶּער, בִּשְׁעַת מְ'זָאגְט דִי תְּפִלַּת גֶּשֶׁם, אִיז אַ גְרוֹיסֶער עֵת רָצוֹן צוּ מִתְפַּלֵּל זַיין צוּ זַיין אַ רוּאִיגֶער מֶענְטְשׁ אוּן קֵיינְמָאל זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְרֶעגְן, צוּ מְכַבֵּד זַיין דִי וַוייבּ אוּן אִיר נִישְׁט מְצַעֵר זַיין, אוּן אוֹיף צוּ הָאבְּן פַּרְנָסָה גְרִינְגֶערְהֵייט מִיט גְרוֹיס שֶׁפַע פַאר דִי גַאנְצֶע יָאר.

(קוּנְטְרֵס שִׂמְחַת תּוֹרָה)

# שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב




## װען איז מען מַעֲבִיר סֶדְרָה די פַּרְשִׁיּוֹת וְזֹאת הַבְּרָכָה און בְּרֵאשִׁית?

*שְׁאֵלָה:*

**לְכָבוֹד דער ראש יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

בָּרוּךְ ה' אַז יעצט װערט די ערשטע יאָר אין מיין לעבן װאס איך האָב זוֹכֶה געװען פּאקטיש צו ענדיגן יעדע װאָך די פַּרְשָׁה שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגוּם! אַ גרויסן יִישַׁר כֹּחַ פאַר די חִיזּוּק. און איך קען זאָגן אַז דער אייבערשטער האט מיר געהאָלפן אַז איך האָב פאַרשטאַנען פינף און נַיינציג פּראָצענט פון װאס איך האָב געלערנט, אַריינגערעכנט אויך שװערע פַּרְשִׁיּוֹת, װי לְמָשָׁל תְּרוּמָה און תְּצַוֶּה װי אַזוי מען בויעט דעם מִשְׁכָּן, און פַּרְשַׁת וַיִּקְרָא װאו מען לערנט איבער די קָרְבָּנוֹת. איך האב אייביג געמיינט אַז דאס איז אַזוי שװער און איך װעל דאס קיינמאל נישט פאַרשטיין, און בָּרוּךְ ה' אַז איך האָב זוֹכֶה געװען דאס צו לערנען און פאַרשטיין. איך האָב געװאָלט פרעגן װאס איך טו מיט די פַּרְשִׁיּוֹת וְזֹאת הַבְּרָכָה און בְּרֵאשִׁית? איך װעל עס נישט

<<<<<<

>>>>>>

הייליגע תּוֹרָה.

און דאס איז װאס חֲזַ"ל זאָגן (מְכִילְתָּא, בְּשַׁלַּח) "לֹא נִתְּנָה תּוֹרָה אֶלָּא לְאוֹכְלֵי הַמָּן", די תּוֹרָה איז נישט געגעבן געװאָרן נאָר פאַר די װאס האָבן געגעסן דעם מָן. װען אַ איד איז זוֹכֶה צו לערנען די הייליגע תּוֹרָה, קען ער שפּירן אין דעם אַלע גוטע טַעַם, פּונקט װי בּיי די מָן.

אַ איד קען טראַכטן צו זיך, "נע, דאס איז נישט געמאַכט פאַר מיר, איך אַרבעט שװער און איך האָב נישט קיין צייט צו לערנען, איך האָב נישט קיין גוטע קאָפּ און איך פאַרשטיי נישט קיין לערנען, איך בין אַן אומגעדולדיגער מענטש און איך האָב נישט קיין געדולד זיך צו זעצן לערנען, איך געדענק סיי װי נישט װאס איך לערן, איך װעל קיינמאל נישט שפּירן אַ זיסקייט אין די הייליגע תּוֹרָה", און אַזוי װייטער האט יעדער מענטש זיינע אייגנאַרטיגע תֵּירוּצִים פאַרװאס די תּוֹרָה איז נישט געמאַכט פאַר אים. דער אֱמֶת איז אָבער אַז דער אייבערשטער האט געגעבן די הייליגע תּוֹרָה פאַר יעדן איד אָן אויסנאַם, און יעדער איד האָט אַ װעג װי אַזוי ער קען אויך האָבן אַ שַׁיָּיכוּת מיט די הייליגע תּוֹרָה, יעדער איד קען זוֹכֶה זיין צו שפּירן דעם געשמאַקן זיסן טַעַם פון די הייליגע תּוֹרָה, און דאס װעט אים געבן אַ טַעַם און סִפּוּק אין זיין לעבן.

דער הייליגער רֶבִּי האָט אונז געגעבן אַ "סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימּוּד" (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן ע"ו), אַ װעג װי אַזוי יעדער איד קען זוֹכֶה זיין צו לערנען די הייליגע תּוֹרָה; אַז מ'קען זאָגן די װערטער פון תּוֹרָה אֲפִילוּ מ'פאַרשטייט נישט װאס מ'זאָגט, און אֲפִילוּ מ'געדענקט נישט װאס מ'לערנט. אויף דעם װעג קען יעדער איד לערנען, אֲפִילוּ מ'האָט אַ שװאַכע קאָפּ, אֲפִילוּ װען מ'האט נישט קיין געדולד, אֲפִילוּ װען מ'האט נישט קיין געהעריגע חַבְרוּתָא און מַגִּיד שִׁיעוּר, און אֲפִילוּ װען מ'האט נישט גענוג צייט; מ'דאַרף בלויז עפענען אַ חוּמָשׁ, אַ מִשְׁנָיוֹת, אַ גְּמָרָא, אַ מִדְרָשׁ, אַ שֻׁלְחָן עָרוּךְ, און אַזוי װייטער אַלע חֲלָקִים פון די הייליגע תּוֹרָה, און אָנהויבן זאָגן די הייליגע װערטער; מיט דעם האט מען די מִצְוָה פון לִימּוּד הַתּוֹרָה, און דאס הייליגט דעם מענטש און דערנענטערט אים צום אייבערשטן.

דאס קען יעדער איד באַװייזן, כאָטש אַפּאָר שׁוּרוֹת תּוֹרָה יעדן טאָג. דער רֶבִּי האָט אַמאָל פאַרגעהאַלטן אַ איד פאַרװאס ער לערנט נישט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן רפ"ד), האט דער איד זיך פאַרענטפערט אַז ער האט נישט קיין צייט צו לערנען װייל ער איז זייער פאַרנומען מיט זיינע געשעפטן. האט אים דער רֶבִּי געזאָגט אַז פון דעסט װעגן דאַרף ער פּרובירן אַראָפּ צו גַנְבְ'ענען אַביסל צייט צו לערנען. און דער רֶבִּי האָט מיט דעם אויסגעטייטשט דאס װאס חֲזַ"ל זאָגן (שַׁבָּת ל"א.) אַז מען פרעגט דעם מענטש אויף יענע װעלט, "קָבַעְתָּ עִתִּים לַתּוֹרָה?", בִּפְשָׁטוּת מיינט עס אַז מען פרעגט דעם מענטש אויב ער האָט באַשטימט יעדן טאָג אַ צייט צו לערנען, אָבער דאס װאָרט "קֶבַע" קען אויך מיינען גַנְבְ'ענען, אַזוי װי דער פָּסוּק זאָגט (מִשְׁלֵי כ"ב, כ"ג) "וְקָבַע אֶת קֹבְעֵיהֶם נָפֶשׁ". דאס מיינט צו זאָגן אַז מען פרעגט דעם מענטש אויב ער האט אַראָפּגעגַנְבְ'ט עפּעס צייט צו לערנען תּוֹרָה.

װען אַ איד הערט זיך צו צו די הייליגע עֵצוֹת פון רֶבִּי'ן, ער װייסט דאָך בּיי זיך װי אַזוי זיינע טעג און יאָרן לויפן דורך מיט גאָרנישט, ער װייסט בּיי זיך װיפיל צייט ער פאַרברענגט און װי װייניג ער איז אָנגעבינדען אין די הייליגע תּוֹרָה, און ער נעמט דעם "סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימּוּד" פון הייליגן רֶבִּי'ן, ער נעמט זיך פאָר אַז יעדן טאָג װעט ער עפענען די הייליגע תּוֹרָה און זאָגן די װערטער פון תּוֹרָה, דאַן קען ער זיך אֱמֶת'דיג פרייען און טאַנצן מיט די תּוֹרָה, װייל ער װייסט שוין אַ װעג װי אַזוי ער װעט אויסנוצן די קומענדיגע יאָר װי עס דאַרף צו זיין, און זיין מְקוּשָּׁר מיט די הייליגע תּוֹרָה.

(קוּנְטְרֵס שִׂמְחַת תּוֹרָה)

>>>>>>

האַלט זיך גרויס און ס'פּאַסט אים נישט זיך פרייען מיט'ן אייבערשטן איז אַ זינדיגער און נאַרישער מענטש, אויף אים זאָגט דער פָּסוּק (מִשְׁלֵי כ"ה, ו') "אַל תִּתְהַדַּר לִפְנֵי מֶלֶךְ", און פאַרקערט, װער ס'קוקט נישט אויף זיין אייגן כָּבוֹד, ער טאַנצט און ער פריידט זיך מיט'ן אייבערשטן און מיט זיין תּוֹרָה, אַזאַ מענטש האָט די ריכטיגע כָּבוֹד, אַזאַ מענטש דאַרף מען אַרויפקוקן, אַזוי װי דָּוִד הַמֶּלֶךְ האט געזאָגט (שְׁמוּאֵל-ב' ו', כ"ב) "וּנְקַלֹּתִי עוֹד מִזֹּאת וְהָיִיתִי שָׁפָל בְּעֵינָי", װען מ'האָט געטראָגן דעם הייליגן אָרוֹן האט דָּוִד הַמֶּלֶךְ געטאַנצן און זיך געפריידט מיט'ן אייבערשטן, װי דער פָּסוּק זאָגט (שָׁם, ט"ז) "וַתֵּרֶא אֶת הַמֶּלֶךְ דָּוִד מְפַזֵּז וּמְכַרְכֵּר לִפְנֵי ה'", עס איז אים נישט אָנגעגאַנגען אַז מ'קוקט אים אַראָפּ, עס איז אים נישט אָנגעגאַנגען אַז ער װערט פאַרשעמט, ער האָט נאָר געטאַנצן און זיך געפריידט מיט'ן אייבערשטן, פאַר די כָּבוֹד פון די הייליגע תּוֹרָה.

װען עס קומט צו די הַקָּפוֹת, װען אידן טאַנצן און פרייען זיך מיט'ן אייבערשטן און מיט זיין הייליגע תּוֹרָה, טאָר זיך אַ איד נישט שעמען צו טאַנצן און זיך מיטפרייען, נישט זיצן אין די זייט און קוקן װי יענער טאַנצט, נאָר אַריינגיין אינעװייניג צו טאַנצן צוזאַמען מיט אַלע אידן, און זיך פרייען און דאַנקען דעם אייבערשטן. אֲפִילוּ אַ מענטש האָט מוֹרָא אַז מ'װעט אים אָנקוקן אַז ער איז נאַריש אַז ער טאַנצט אַזוי שטאַרק, טאָר ער נישט קוקן אויף דעם.

דער הייליגער רֶבִּי זאָגט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן כ"ד) "מִצְוָה גְּדוֹלָה לִהְיוֹת בְּשִׂמְחָה תָּמִיד", ס'איז אַ גרויסע מִצְוָה צו זיין פריילך אַלעמאָל, און דער רֶבִּי איז דאָרט מַאֲרִיךְ אַז אֲפִילוּ װען אַ מענטש גייט דורך צָרוֹת און שװעריקייטן אין זיין לעבן, דאַרף ער זיך אָנשטרענגען און פּרובירן מיט אַלע כּוֹחוֹת צו זיין נאָר פריילך שטענדיג, און זיך אֲפִילוּ נאַריש מאַכן מיט שְׁטוּתִים, אַבִּי ער זאָל זיין פריילך.

רֶבִּי נָתָן איז דאס מַסְבִּיר (לִיקּוּטֵי הֲלָכוֹת, הִלְכוֹת נְפִילַת אַפַּיִם, הֲלָכָה ד', אוֹת ה') אַז װען אַ איד זאָל װען אֱמֶת'דיג װיסן און פאַרשטיין װי שטאַרק דער אייבערשטער האָט אים ליב, װי חָשׁוּב ער איז אין הימל, װי גרויס עס איז די חֲשִׁיבוּת פון זיינע מִצְוֹת און מַעֲשִׂים טוֹבִים, װי טייער ער איז בּיים אייבערשטן בלויז דערפאַר װאס ער איז געבוירן געװאָרן אַלס איד; װאָלט ער פון דעם אַליין שוין געװאָרן אַזוי פריילך, אַז ער װאָלט נישט אויפגעהערט צו טאַנצן און זיך פרייען מיט דעם אַ גאַנצן טאָג.

נאָר ליידער זענען מיר אין גָלוּת, מיר זענען װייט פונעם אייבערשטן, מיר שפּירן נישט אַז דער אייבערשטער איז מיט אונז און ער האָט אונז ליב, דערפאַר דאַרף מען טרעפן אַלע סאָרט עֵצוֹת און װעגן װי אַזוי זיך פריילך צו מאַכן. אָבער װי נאָר אַ איד װערט פריילך, װערט ער שוין דערנענטערט צום אייבערשטן, ער הויבט שוין אָן צו שפּירן דעם אייבערשטן, און דאַן װערט ער שוין פריילך מיט'ן אייבערשטן אַליין.

אַ תַּלְמִיד פון רֶבִּי נָתָן האָט אַמאָל געטראָפן זיין רֶבִּי'ן בּיי אַ חֲתוּנָה פון אַ װייטע קָרוֹב, און רֶבִּי נָתָן האָט דאָרט זייער געטאַנצן און זיך געפריידט, דער תַּלְמִיד האָט נישט געקענט פאַרשטיין פאַרװאס רֶבִּי נָתָן טאַנצט אַזויפיל און פריידט זיך אַזוי שטאַרק בּיי די חֲתוּנָה, ער איז געװען בלויז אַ װייטער קָרוֹב, און ער איז נישט געװען עפּעס ספּעציעל נאָנט מיט די מְחוּתָּנִים. האט אים רֶבִּי נָתָן ערקלערט אַז ער טאַנצט בִּכְלָל נישט צוליב די חֲתוּנָה, ער טאַנצט בלויז װייל ער פריידט זיך און ער דאַנקט דעם אייבערשטן אַז ער איז אַ איד, אַז ער איז זוֹכֶה צו דינען דעם אייבערשטן; אויב אָבער װעט ער זיך נעמען טאַנצן סְתָּם אַזוי אין אַ גרינעם דינסטאָג, װעט דאס אויסזען זייער מאָדנע, אָבער אַז עס מאַכט זיך אים אַ גוטע געלעגנהייט אַז ער איז בּיי אַ חֲתוּנָה, האָט ער דאָך שוין אַלע רעכטן צו טאַנצן און זיך פרייען דאָרט, און דעריבער נוצט ער דאס טאַקע אויס צו די מאַקסימום...

יעצט, װען מיר האַלטן בּיי די הייליגע הַקָּפוֹת, געבט מען אונז די געלעגנהייט צו טאַנצן און זיך פרייען מיט די הייליגע תּוֹרָה און מיט'ן אייבערשטן, לאָמיר דאס אויסנוצן װי עס דאַרף צו זיין, נישט קוקן אויף קיינעם און אויף גאָרנישט, נאָר טאַנצן און זיך פרייען מיט'ן גאַנצן כֹּחַ.

רֶבִּי נָתָן שמועסט אויס בַּאֲרִיכוּת (לִיקּוּטֵי הֲלָכוֹת, הִלְכוֹת נְפִילַת אַפַּיִם, הֲלָכָה ד') אַז יעדער מענטש װאס האָט נאָר אַ טראָפּ שֵׂכֶל, אֲפִילוּ אַ גוֹי, אויב װעט ער גוט אַריינטראַכטן װעט ער זען אַז ס'איז בֶּאֱמֶת נישטאָ מיט װאס צו זיין פריילך אויף די װעלט. די װעלט איז פול מיט אַזויפיל צָרוֹת און יִסּוּרִים, יעדער מענטש אָן אויסנאַם מוטשעט זיך אויף די װעלט מיט אַזויפיל שװעריקייטן און פּראָבלעמען, אַז ס'איז אֱמֶת'דיג נישטאָ מיט װאס צו זיין פריילך. אֲפִילוּ װען מען האָט שוין יאָ אַ גוטן טאָג, װען עס גייט שוין יאָ

<<<<<<

>>>>>>

עֶפֶּעס גוּט פַאר אַ מֶענְטְשׁ, אִיז עֶס גֶעוֶוענְלִיךְ אוֹיךְ אוֹיסְגֶעמִישְׁט מִיט פִילֶע שְׁוֶועריִקייטְן אוּן צָרוֹת.

דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע זַאךְ וָואס קֶען פְרֵיילִיךְ מַאכְן אַ מֶענְטְשׁ אוֹיף דֶער וֶועלְט, אִיז נָאר אֱמוּנָה. וֶוען אַ אִיד גְלֵייבְּט אוּן וֵוייסְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, אוּן אֲפִילוּ דִי זַאכְן וָואס זֶעעֶן אוֹיס אַז סְ'אִיז נִישְׁט גוּט, אִיז בֶּאֱמֶת נָאר פַאר זַיין טוֹבָה, אוּן עֶר וֵוייסְט אַז עֶר בְּלַייבְּט נִישְׁט אוֹיף דִי וֶועלְט פַאר אֵייבִּיג, אֵיין טָאג וֶועט עֶר אַוֶועקְגֵיין פוּן דִי וֶועלְט אוּן דַאן וֶועט זִיךְ אָנְהוֹיבְּן זַיין רִיכְטִיגֶע לֶעבְּן, דֶעמָאלְט וֶועט עֶר הָאבְּן מְנוּחָה, דֶעמָאלְט וֶועט עֶר בַּאקוּמֶען שְׂכַר אוֹיף יֶעדֶע קְלֵיינֶע גוּטֶע זַאךְ וָואס עֶר הָאט אַרַיינְגֶעכַאפְּט צוּ טוּן אוֹיף דִי וֶועלְט, אוֹיף יֶעדֶע מִצְוָה וָואס עֶר הָאט מְקַיֵים גֶעוֶוען אוֹיף דִי וֶועלְט, אוֹיף יֶעדֶעס מָאל וָואס עֶר הָאט זִיךְ צוּרִיק גֶעהַאלְטְן פוּן אַן עֲבֵירָה, אוּן אוֹיף יֶעדֶע מָאל וָואס עֶר הָאט זִיךְ אָנְגֶעשְׁטְרֶענְגְט צוּ טוּן דֶעם רָצוֹן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; נָאר אַזַא מֶענְטְשׁ קֶען אֱמֶת'דִיג זַיין פְרֵיילִיךְ.

אֵיינֶער וָואס הָאט נִישְׁט קַיין אֱמוּנָה, עֶר גְלֵייבְּט נִישְׁט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט אִים אוֹיף טְרִיט אוּן שְׁרִיט אוּן יֶעדֶע זַאךְ וָואס עֶר גֵייט דוּרְךְ אִיז מִיט אַ פּוּנְקְטְלִיכֶער חֶשְׁבּוֹן, עֶר גְלֵייבְּט נִישְׁט אַז סְ'אִיז דָא נָאךְ אַ וֶועלְט וָואס דָארְט בַּאקוּמְט מֶען שְׂכַר אוֹיף דִי גוּטֶע מַעֲשִׂים וָואס מֶען הָאט גֶעטוּן אוֹיף דִי וֶועלְט, אַזַא מֶענְטְשׁ הָאט בֶּאֱמֶת נִישְׁט מִיט וָואס זִיךְ צוּ פְרֵייעֶן אוֹיף דִי וֶועלְט, עֶר בְּרָאט זִיךְ אוּן עֶר פְּרֶעגְלְט זִיךְ אִין צָרוֹת אוּן אִין יִסוּרִים, אוּן עֶר הָאט נִישְׁט מִיט וָואס זִיךְ צוּ טְרֵייסְטְן.

דֶערְפַאר זָאגְן מִיר בַּיי דִי הַקָפוֹת דֶעם קַאפִּיטְל כ"ט אִין תְּהִלִים, וָואס דָאס אִיז מְסוּגָל אַוֶועקְצוּטְרַייבְּן פוּנֶעם מֶענְטְשׁ דִי רוּחַ שְׁטוּת, דִי שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת וָואס הָאבְּן זִיךְ אַרַיינְגֶעכַאפְּט אִין זַיין מֹחַ, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוֹת קְלִיפָּה, סִימָן ו') "הַשִּׁבְעָה קוֹלוֹת שֶׁאָמַר דָּוִד עַל הַמַּיִם, בְּדִבּוּרָן מַכְנִיעִין הָרוּחַ רָעָה". וַוייל דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע וֶועג צוּ וֶוערְן אֱמֶת'דִיג פְרֵיילִיךְ אִיז נָאר דוּרְכְ'ן אַוֶועקְטְרַייבְּן פוּן זִיךְ דִי שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת פוּן כְּפִירָה וָואס כַאפְּן זִיךְ אַרַיין אִינֶעם מֶענְטְשְׁ'ס מֹחַ. וִוי לַאנְג דִי רוּחַ שְׁטוּת גֶעפִונְט זִיךְ אִין אִים, עֶר הָאט נִישְׁט אַ קְלָארֶע אוּן רֵיינֶע אֱמוּנָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועט עֶר קֵיינְמָאל נִישְׁט קֶענֶען זַיין פְרֵיילִיךְ. אוֹיךְ דֶער שֵׁם מ"ב, וָואס דָאס אִיז דֶער "אָנָּא בְּכֹחַ", הָאט אוֹיךְ דִי סְגוּלָה אַוֶועקְצוּטְרַייבְּן פוּנֶעם מֶענְטְשׁ אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע מַזִיקִים וָואס וִוילְן אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִינֶעם מֶענְטְשׁ כְּפִירוֹת אוּן אֶפִּיקוֹרְסוּת רַחֲמָנָא לִיצְלָן אוּן אִים אַוֶועקְשְׁלֶעפְּן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַזוֹי אִים דֶערְבִּיטֶערְן דָאס לֶעבְּן.

וֶועט אַ מֶענְטְשׁ פְרֶעגְן, "אִיךְ וֵוייס טַאקֶע אַז נָאר מִיט אֱמוּנָה קֶען אִיךְ הָאבְּן אַ גוּט לֶעבְּן אוֹיף דִי וֶועלְט, וָואס זָאל אִיךְ אָבֶּער טוּן אַז אִיךְ הָאבּ נֶעבֶּעךְ פַארְלוֹירְן מַיין אֱמוּנָה? אִיךְ הָאבּ זִיךְ אָנְגֶעלֵיינְט מִיט שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן, אִיךְ הָאבּ זִיךְ אָנְגֶעהֶערְט מִיט כְּפִירָה'דִיגֶע זַאכְן, אוּן אִיךְ שְׁפִּיר מֶער נִישְׁט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיךְ שְׁפִּיר זִיךְ אַזוֹי וַוייט פוּן דִי הֵיילִיגֶע אֱמוּנָה, וָואס זָאל אִיךְ יֶעצְט טוּן?" אוֹיף דֶעם הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער רַחֲמָנוּת גֶעהַאט אוֹיף אוּנְז אוּן אוּנְז גֶעשִׁיקְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, וָואס עֶר הָאט דֶעם כֹּחַ אוּנְז אוֹיסְצוּהֵיילְן אוּן אוּנְז אַרוֹיסְשְׁלֶעפְּן פוּן דִי בְּלָאטִיגֶע זוּמְפְּן אִין וָואס מִיר זֶענֶען אַרַיינְגֶעפַאלְן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה י"ג) אַז סְ'אִיז גֶעוֶוען אַ בַּת מֶלֶךְ וָואס אַן אַכְזָרִיּוּת'דִיגֶער קֶענִיג אִיז אִיר נָאכְגֶעלָאפְן אוּן אִיר גֶעוָואלְט הַרְגְ'עֶנֶען, זִי אִיז אַנְטְלָאפְן צוּ אַ פֶעסְטוּנְג פוּן וַואסֶער, אוּן דֶער קֶענִיג הָאט אִיר נָאכְגֶעשָׁאסְן מִיט צֶען עֶרְלֵיי פַיילְן, וָואס אִיז גֶעוֶוען בַּאשְׁמִירְט מִיט צֶען עֶרְלֵיי סַם, אוּן אַזוֹי אִיז זִי אַרַיינְגֶעלָאפְן אִינֶעם פֶעסְטוּנְג אוּן דָארְט גֶעפַאלְן חַלָּשׁוֹת, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט אוֹיסְגֶעפִירְט, "אוּן אִיךְ הֵייל זִי".

דִי בַּת מֶלֶךְ אִיז יֶעדֶער אִיד, וָואס אִיז בַּאלִיבְּט בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן וִוי אַן אֵיינְצִיג קִינְד, אוּן דֶער שְׁלֶעכְטֶער רִשְׁעוּת'דִיגֶער קֶענִיג אִיז דֶער יֵצֶר הָרַע, עֶר אִיז דָאךְ

<<<<<<

>>>>>>

קֶענֶען עֶנְדִיגְן אוּם שִׂמְחַת תּוֹרָה. אוֹיךְ ווִיל אִיךְ ווִיסְן אוֹיבּ דָאס זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן רַשִׁ"י הֵייסְט אַ הֶפְסֵק אִינְמִיטְן מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין.

**יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אֵייעֶר עֶנְטְפֶער.**

### ***תְּשׁוּבָה:***

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ

יוֹם א' פַּרְשַׁת הַאֲזִינוּ, כ"ו אֱלוּל, שְׁנַת תשע"ז לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

וואוֹיל אִיז דִיר אוּן וואוֹיל אִיז דַיין חֵלֶק אַז דוּ בִּיסְט זוֹכֶה צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל חוּמָשׁ, אוּן דוּ בִּיסְט מַעֲבִיר סֶדְרָה יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל - זוּנְטָאג בִּיז שֵׁנִי, מָאנְטָאג בִּיז שְׁלִישִׁי, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ וֶוערְט גֶע'פַּסְקֶ'נְט (אוֹרַח חַיִּים, סִימָן רפה, סְעִיף ג): "מִיּוֹם רִאשׁוֹן וְאֵילַךְ חָשׁוּב עִם הַצִּבּוּר", פוּן זוּנְטָאג קֶען מֶען שׁוֹין אָנְהֵייבְּן מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין. דֶער מִשְׁנָה בְּרוּרָה בְּרֶענְגְט אַרָאפּ (שָׁם) פוּנֶעם הֵיילִיגְן ווִילְנֶער גָאוֹן זֵכֶר צַדִיק לִבְרָכָה, אַז עֶר הָאט זִיךְ אַזוֹי גֶעפִירְט, יֶעדְן טָאג הָאט עֶר מַעֲבִיר סֶדְרָה גֶעוֶוען אַבִּיסְל; זוּנְטָאג בִּיז שֵׁנִי, מָאנְטָאג בִּיז שְׁלִישִׁי, דִינְסְטָאג בִּיז רְבִיעִי אוּן אַזוֹי וַוייטֶער. אַז מֶען גֵייט אוֹיף דֶעם וֶועג, דֶעמָאלְט אִיז מֶען מַעֲבִיר סֶדְרָה יֶעדֶע וָואךְ, אוּן וֶוען עֶס קוּמְט סוֹף יָאר אִיז אַ מוֹרָא'דִיגֶע שִׂמְחָה אַז מֶען הָאט מְסַיֵים גֶעוֶוען חֲמִשָּׁה חוּמְשֵׁי תּוֹרָה.

וואוֹיל אִיז דִיר אַז דוּ לֶערְנְסְט אוֹיךְ רַשִׁ"י; אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ שְׁטֵייט (שָׁם, סְעִיף ב): "וִירֵא שָׁמַיִם יִקְרָא תַּרְגּוּם, וְגַם פֵּירוּשׁ רַשִׁ"י", אַ יְרֵא שָׁמַיִם זָאל מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין סַיי תַּרְגוּם אוּן סַיי מִיט רַשִׁ"י. דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דָאס גְרוֹיסְקַייט פוּן לֶערְנֶען חוּמָשׁ רַשִׁ"י; מֶען זָאגְט נָאךְ פוּן הֵיילִיגְן שַׂר שָׁלוֹם פוּן בֶּעלְזָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אַז עֶר הָאט גֶעזָאגְט: "וֶוער עֶס וֶועט לֶערְנֶען אוּן עֶנְדִיגְן יֶעדֶע וָואךְ חוּמָשׁ מִיט רַשִׁ"י, אִיז פַארְזִיכֶערְט אַז עֶר וֶועט זִיצְן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט אִין דִי הֵיכָל פוּן רַשִׁ"י", אוֹיךְ שְׁטֵייט פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי פִּנְחָס'ל קָארִיצֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אַז לֶערְנֶען חוּמָשׁ רַשִׁ"י יֶעדֶע וָואךְ אִיז מְסוּגָל צוּ הָאבְּן אֱמוּנָה. אַזוֹי אוֹיךְ זָאגְט מֶען נָאךְ פוּן צַדִיקִים אוֹיף דֶעם לָשׁוֹן וָואס שְׁטֵייט אִין מְחַבֵּר: "וִירֵא שָׁמַיִם יִקְרָא תַּרְגּוּם, וְגַם פֵּירוּשׁ רַשִׁ"י", אַ יְרֵא שָׁמַיִם זָאל מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין סַיי מִיט תַּרְגוּם אוּן סַיי מִיט רַשִׁ"י, אַז לֶערְנֶען רַשִׁ"י מַאכְט אַ מֶענְטְשׁ עֶר זָאל וֶוערְן אַ יְרֵא שָׁמַיִם. מֶען זָאגְט נָאךְ פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי יִשָּׂכָר דֹּב מִבֶּעלְזָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, וָואס עֶר הָאט גֶעזָאגְט, אַז אַ טָאג וָואס מֶען לֶערְנְט חוּמָשׁ מִיט רַשִׁ"י, אִיז מֶען פַארְזִיכֶערְט אַז אִין דֶעם טָאג וֶועט מֶען נִישְׁט זִינְדִיגְן. אַזוֹי אוֹיךְ אִיז בַּאווּסְט אַז דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל הַתַּנְיָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט אַיינְגֶעפִירְט אַ סֵדֶר פַאר זַיינֶע תַּלְמִידִים אַז זֵיי זָאלְן יֶעדְן טָאג לֶערְנֶען חוּמָשׁ מִיט רַשִׁ"י אַיינְגֶעטֵיילְט אוֹיפְן וָואךְ, אוּן אַזוֹי הָאבְּן אַלֶע רֶבִּי'ס פוּן חַבַּ"ד זִיךְ גֶעפִירְט, אוּן אַזוֹי פִירְן זִיךְ הַיינְט אוֹיךְ חַסִידֵי חַבַּ"ד, יֶעדְן טָאג צוּ לֶערְנֶען חוּמָשׁ רַשִׁ"י אַיינְגֶעטֵיילְט אוֹיפְן וָואךְ, וַוייל דָאס בְּרֶענְגְט יִרְאַת שָׁמַיִם.

וֶוען מֶען אִיז מַעֲבִיר סֶדְרָה אוּן מֶען לֶערְנְט רַשִׁ"י, אִיז דָאס נִישְׁט קַיין הֶפְסֵק. פַארְקֶערְט, דִי מִצְוָה אִיז צוּ לֶערְנֶען חוּמָשׁ מִיט רַשִׁ"י. בִּכְלַל דַארְף מֶען ווִיסְן אַז אֲפִילוּ מֶען אִיז מַפְסִיק אִיז מֶען יוֹצֵא, אַזוֹי וִוי מֶען זֶעט אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ (שָׁם): "מְלַמְּדֵי תִּינוֹקוֹת אֵין צְרִיכִים לַחֲזוֹר וְלִקְרוֹת הַפָּרָשָׁה בְּשַׁבָּת", אַ מְלַמֵד וָואס לֶערְנְט דִי גַאנְצֶע פַּרְשָׁה מִיט דִי קִינְדֶער דַארְף נִישְׁט מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין, וַוייל עֶר הָאט דָאס שׁוֹין גֶעלֶערְנְט מִיט דִי קִינְדֶער; זֶעט מֶען פוּן דֶעם, אַז אֲפִילוּ מֶען אִיז מַפְסִיק אוּן אֲפִילוּ מֶען זָאגְט עֶס נִישְׁט מִיט קַיין טַעֲמִים [טְרָאפְּן] אִיז מֶען יוֹצֵא לְכַתְּחִילָה.

עֶס אִיז יָדוּעַ דֶעם סִיפּוּר בַּיי סַאטְמַארֶ'ע חֲסִידִים אַז דֶער הֵיילִיגֶער קְדוּשַׁת יוֹם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעשִׁיקְט זַיינֶע צְוֵויי זוּן - דֶער 'עֲצֵי חַיִּים' אוּן דֶעם בַּעַל 'דִבְרֵי יוֹאֵל', וֶוען זֵיי זֶענֶען נָאךְ גֶעוֶוען גָאר קְלֵיין, אַז זֵיי זָאלְן גֵיין נֶעמֶען אַ בְּרָכָה פוּן דֶעם הֵיילִיגְן צַדִיק רֶבִּי מָרְדְכַי'לֶע מְנַאדְבוּרְנָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, עֶר הָאט זֵיי גֶעבֶּענְטְשְׁט אוּן זֵיי גֶעזָאגְט דִי וֶוערְטֶער: "קִינְדֶערְלֶעךְ, פִּילֶעוֶועט זִיךְ אִין חוּמָשׁ רַשִׁ"י [לֶערְנְט אַסַאךְ חוּמָשׁ רַשִׁ"י], אִיךְ הָאבּ גֶעקֶענְט גְרוֹיסֶע גְאוֹנִים וָואס זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעווּיסְט וואוּ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וואוֹינְט, וַוייל זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעלֶערְנְט חוּמָשׁ רַשִׁ"י".

אַזוֹי אוֹיךְ דֶערְצֵיילְט מֶען אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי מָרְדְכַי'לֶע מְנַאדְבוּרְנָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז אַמָאל גֶעוֶוען אִין שְׁטָאט חוּסְט וואוּ דֶער הֵיילִיגֶער עֲרוּגַת הַבּוֹשֶׂם אִיז גֶעוֶוען רַב, אוּן דֶער צַדִיק רֶבִּי מָרְדְכַי'לֶע אִיז גֶעקוּמֶען בַּאזוּכְן דֶעם עֲרוּגַת הַבּוֹשֶׂם, דֶער עֲרוּגַת הַבּוֹשֶׂם זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעהַאט אַ יְשִׁיבָה פוּן עֶטְלִיכֶע הוּנְדֶערְט בָּחוּרִים, הָאט עֶר גֶעבֶּעטְן רֶבִּי מָרְדְכַי'לֶע עֶר זָאל בַּאזוּכְן זַיין יְשִׁיבָה, זֶען וִוי פְלַייסִיג זֵיי לֶערְנֶען אוּן וִוי עֶרְלִיךְ זֵיי פִירְן זִיךְ אוֹיף. רֶבִּי מָרְדְכַי'לֶע אִיז טַאקֶע אַרִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען אִין דִי יְשִׁיבָה זֶען דִי בָּחוּרִים, וֶוען עֶר אִיז אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען הָאט אִים דֶער עֲרוּגַת הַבּוֹשֶׂם גֶעפְרֶעגְט: "נוּ, וָואס זָאגְט אִיר אוֹיף מַיינֶע בָּחוּרִים?" הָאט אִים רֶבִּי מָרְדְכַי'לֶע גֶעעֶנְטְפֶערְט: "זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קַיין יִרְאַת שָׁמַיִם!" הֶערְנְדִיג דָאס אִיז דֶער עֲרוּגַת הַבּוֹשֶׂם גֶעוָוארְן זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן אוּן פַארְוואוּנְדֶערְט, וִוי אַזוֹי קֶען זַיין אַזַא זַאךְ? אוּן עֶר פְרֶעגְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי מָרְדְכַי'לֶע: "רֶבִּי, פַארְוָואס זָאגְט אִיר אַזוֹי?!" הָאט עֶר אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: "וַוייל זֵיי לֶערְנֶען נִישְׁט קַיין חוּמָשׁ רַשִׁ"י!" דֶער עֲרוּגַת הַבּוֹשֶׂם הָאט זִיךְ זֵייעֶר גֶעווּאוּנְדֶערְט אוֹיף דֶעם, הָאט עֶר נָאךְ גֶעפָארְשְׁט בַּיי זַיינֶע תַּלְמִידִים אוֹיבּ זֵיי עֶנְדִיגְן יֶעדֶע וָואךְ חוּמָשׁ רַשִׁ"י, אוּן זֵיי הָאבְּן אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט אַז נִישְׁט, וַוייל דִי וֶועכְנְטְלִיכֶע פַארְהֶער פְלֶעגְט פָארְקוּמֶען פְרֵייטָאג צוּפְרִי, אוּן עֶס אִיז נִישְׁט אוֹיסְגֶעקוּמֶען קַיין צַייט וֶוען צוּ מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין, הָאט שׁוֹין דֶער עֲרוּגַת הַבּוֹשֶׂם פַארְשְׁטַאנֶען אַז רֶבִּי מָרְדְכַי'לֶע וֵוייסְט וָואס עֶר רֶעדְט, אוּן עֶר הָאט אַיינְגֶעפִירְט אִין זַיין יְשִׁיבָה אַז מֶען זָאל פַארְהֶערְן זוּנְטָאג, אוּן מֶען זָאל יֶעדְן טָאג לֶערְנֶען חוּמָשׁ רַשִׁ"י.

בְּנוֹגֵעַ וָואס דוּ פְרֶעגְסְט פוּן וֶוען מֶען קֶען שׁוֹין מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין פַּרְשַׁת וְזֹאת הַבְּרָכָה; מֶען קֶען שׁוֹין מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין פוּן וֶוען מֶען הֵייבְּט אָן לֵיינֶען וְזֹאת הַבְּרָכָה, מֶען דַארְף נִישְׁט וַוארְטְן בִּיז שִׂמְחַת תּוֹרָה. אוֹיךְ קֶען מֶען שׁוֹין אָנְהֵייבְּן פַּרְשַׁת בְּרֵאשִׁית מִיּוֹם רִאשׁוֹן וְאֵילָךְ, מֶען דַארְף נִישְׁט וַוארְטְן בִּיז שִׂמְחַת תּוֹרָה. עֶס אִיז דָא אַסַאךְ וָואס הַאלְטְן נִישְׁט אַזוֹי, אָבֶּער אַזוֹי הָאבּ אִיךְ מְקַבֵּל גֶעוֶוען פוּן מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ. מוֹהֲרָא"שׁ אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר שְׁטַארְק אִין דֶעם אַז מֶען זָאל שׁוֹין אָנְהֵייבְּן פַאר שִׂמְחַת תּוֹרָה מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין פַּרְשַׁת בְּרֵאשִׁית, מֶען גֶעבְּט זִיךְ אֵיין דְרֵיי אוּן מֶען לֵיינְט שׁוֹין פַּרְשַׁת נֹחַ.

וואוֹיל אִיז פַאר דֶעם וָואס לָאזְט זִיךְ נִישְׁט נַארְן אוּן פִירְט זִיךְ בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת וֶועט עֶר שֵׁיין מַצְלִיחַ זַיין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה הַאֲזִינוּ תשע"ז)

BreslevCenter.com\answers




**נאך פילע בריוו פונעם ראש ישיבה שליט"א אין אלע נושאים**
**קען מען זען אינעם וועכנטליכן קונטרס "עצתו אמונה".**
**צו באקומען אין ישיבה, אדער רופט 845-200-7132**

>>>>>>

אַזַא רָשָׁע מְרוּשָׁע, עֶר וִויל נָאר הַרְגְ'עֶנֶען דֶעם אִיד, עֶר וִויל נָאר אִים דֶערְבִּיטֶערְן דָאס לֶעבְּן אוֹיף דִי וֶועלְט און אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט. דֶער יֵצֶר הָרַע שִׁיסְט אַרַיין אִינֶעם אִיד דִי פַּיילְן וָואס זֶענֶען בַּאשְׁמִירְט מִיט סַם פוּן כְּפִירוֹת און אֶפִּיקוֹרְסוּת, עֶר בְּרֶענְגְט אַרַיין אִינֶעם מֹחַ פוּנֶעם מֶענְטְשׁ מַחְשָׁבוֹת פוּן כְּפִירָה, עֶר וִויל אִים נָאר אַוֶועקְרַייסְן פוּן זַיין אֱמוּנָה, עֶר זָאל אָפְּלָאזְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל וִוי נָאר דִי אֱמוּנָה וֶוערְט שְׁוַואךְ בַּיי אַ אִיד אִיז עֶר שׁוֹין אַ פַּארְטִיגֶער, עֶר פַארְלִירְט זַיין מוּט, עֶר פַארְלִירְט זַיין לֶעבְּן אוֹיף דִי וֶועלְט און אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, און דֶער אִיד וֵוייסְט שׁוֹין נִישְׁט וִוי זִיךְ אַהִינְצוּטוּן.

דֶערְפַאר הָאבְּן מִיר דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, וָואס עֶר אִיז אוּנְזֶער דָאקְטֶער, עֶר קֶען אוּנְז אוֹיסְהֵיילְן. וֶוען מִיר זָאלְן אַוֶועקְוַוארְפְן אוּנְזֶער שֵׂכֶל און נֶעמֶען דִי עֵצוֹת און לִימוּדִים פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, וֶועט עֶר אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן אוּנְז דִי גִיפְטִיגֶע סַם וָואס דֶער יֵצֶר הָרַע הָאט אַרַיינְגֶעשָׁאסְן אִין אוּנְז, מִיר וֶועלְן זִיךְ קֶענֶען שְׁטַארְקְן אִין אֱמוּנָה, און מִיר וֶועלְן קֶענֶען הַנָאָה פוּן אוּנְזֶער לֶעבְּן אוֹיף דִי וֶועלְט און אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פִירְן זִיךְ אַז וֶוען מְ'טַאנְצְט מִיט דִי סֵפֶר תּוֹרָה אִין הַאנְט אוּם שִׂמְחַת תּוֹרָה, שְׁוֶוערְט מֶען אַז גְלַייךְ וֶוען מְ'וֶועט אַוֶועקְגֵיין פוּן דִי וֶועלְט, זָאל מֶען גֵיין צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן פַאר אַ תִּיקוּן. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט פַאר אֵיינֶעם וָואס הָאט גֶעהַאלְטְן בַּיים אַוֶועקְגֵיין פוּן דִי וֶועלְט אַז עֶר זָאל שְׁוֶוערְן בִּנְקִיטַת חֵפֶץ אַז גְלַייךְ נָאךְ זַיין פְּטִירָה זָאל עֶר קוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן עֶר זָאל אִים מְתַקֵן זַיין (עַיֵין סֵפֶר פְּעוּלַת הַצַדִיק, סִימָן תתמ"ה).

דֶער אֱמֶת אִיז אָבֶּער אַז אוֹיבּ דֶער כֹּחַ פוּן שִׂמְחַת תּוֹרָה מִיט דִי סֵפֶר תּוֹרָה אִין הַאנְט אִיז אַזוֹי גְרוֹיס אַז מְ'קֶען דַאן פּוֹעֶלְ'ן צוּ קוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן נָאכְ'ן שְׁטַארְבְּן, אִיז דָאךְ זִיכֶער אַז מְ'קֶען דֶעמָאלְט פּוֹעֶלְ'ן אַז נָאךְ דָא אוֹיף דִי וֶועלְט בַּיים לֶעבְּן זָאל מֶען זוֹכֶה זַיין קוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, דָאס מֵיינְט אַז מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען דִי סְפָרִים פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן און צוּ פָאלְגְן זַיינֶע עֵצוֹת און לִימוּדִים, און אַזוֹי וֶועט מֶען נָאךְ דָא אוֹיף דִי וֶועלְט קֶענֶען בַּאקוּמֶען דֶעם רִיכְטִיגְן תִּיקוּן, און הָאבְּן אַ גְלִיקְלִיכֶע און גֶעשְׁמַאקֶע לֶעבְּן.

# מְ'מִישְׁט אַרִיבֶּער צוּ אַ נַייעֶם בְּלֶעטְל

דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן כ"ו) אַז בַּיי דִי וֶועלְט אִיז שִׁכְחָה אַ פְּרָאבְּלֶעם, מֶענְטְשְׁן רֶעדְן זִיךְ אָפּ אַז זֵיי פַארְגֶעסְן זַאכְן און זֵיי הָאבְּן צַעַר פוּן דֶעם. אָבֶּער - הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט - בַּיי מִיר הָאט שִׁכְחָה אַ גְרוֹיסֶע מַעֲלָה, וֶוען נִישְׁט דֶעם וָואס אַ מֶענְטְשׁ פַארְגֶעסְט, וָואלְט עֶר קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעקֶענְט דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, עֶר וָואלְט אַלֶעמָאל גֶעדֶענְקְט אַלֶע זַיינֶע שְׁוֶועריִקְייטְן וָואס זֶענֶען אוֹיף אִים אַרִיבֶּער, און דָאס וָואלְט אִים זֵייעֶר גֶעשְׁטֶערְט אִין לֶעבְּן, אַזוֹי וִוי אָבֶּער אַ מֶענְטְשׁ פַארְגֶעסְט, קֶען עֶר אַלֶעמָאל אָנְהוֹיבְּן פוּן נַיי, עֶר קֶען פַארְגֶעסְן אַלֶעס וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן בִּיז יֶעצְט, און אֵייבִּיג אָנְהוֹיבְּן פוּן פְרִישׁ.

סְפֶּעצִיעֶל וֶוען עֶס קוּמְט צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה, און אַ אִיד קֶען הָאבְּן חֲלִישׁוּת הַדַעַת אַז עֶר פַארְגֶעסְט אַלֶעס וָואס עֶר לֶערְנְט, בְּרֶענְגְט דֶער רֶבִּי דֶעם מֶדְרָשׁ (וַיִקְרָא רַבָּה י"ט, ב') אַ מָשָׁל צוּ אֵיינֶעם וָואס הָאט גֶעדוּנְגֶען אַרְבֵּייטֶער אַז זֵיי זָאלְן אִים אָנְפִילְן פֶּעסֶער, דִי פֶּעסֶער זֶענֶען אָבֶּער גֶעוֶוען גֶעלֶעכֶערְט און וָואס מְ'הָאט אַרַיינְגֶעגָאסְן דָארְט אִיז גְלַייךְ אַרוֹיסְגֶערִינֶען, הָאבְּן דִי נַארִישֶׁע אַרְבֵּייטֶער גֶעטְרַאכְט צוּ זִיךְ אַז אוֹיבּ גִיסְט זִיךְ סַיי וִוי אוֹיס אַלֶעס וָואס מְ'לֵייגְט דָארְט אַרַיין, אִיז דָאךְ אַ שָׁאד אוֹיף דִי אַרְבֶּעט; וִוידֶער דִי קְלוּגֶע אַרְבֵּייטֶער הָאבְּן גֶעזָאגְט, "וָואס גֵייט אוּנְז דֶען אָן אַז סְ'גִיסְט זִיךְ אוֹיס? מִיר בַּאקוּמֶען דָאךְ בַּאצָאלְט אוֹיף יֶעדְן טָאג וָואס מִיר אַרְבֶּעטְן, מִיר וֶועלְן בַּאקוּמֶען אוּנְזֶער שָׂכָר אֲפִילוּ וֶוען עֶס בְּלַייבְּט גָארְנִישְׁט אִינֶעם פַּאס. דִי זֶעלְבֶּע אִיז מִיט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אֲפִילוּ וֶוען אַ מֶענְטְשׁ פַארְגֶעסְט אַלֶעס וָואס עֶר לֶערְנְט, וֶועט עֶר אָבֶּער בַּאקוּמֶען אַסַאךְ שָׂכָר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף יֶעדֶע וָוארְט תּוֹרָה וָואס עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ לֶערְנֶען אוֹיף דִי וֶועלְט. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט סְפֶּעצִיעֶל אַזוֹי גֶעמַאכְט אַז מְ'זָאל פַארְגֶעסְן דָאס לֶערְנֶען, כְּדֵי מְ'זָאל אַלְץ הָאבְּן אַ פְרִישֶׁע חֵשֶׁק און גֶעשְׁמַאק אִין דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה (קֹהֶלֶת רַבָּה א', ל"ד).

דֶערְפַאר אִיז יֶעצְט דִי צַייט צוּ פַארְגֶעסְן אַלֶעס וָואס מְ'הָאט גֶעטוּן בִּיז יֶעצְט, און אָנְהוֹיבְּן יֶעצְט מִיט אַ פְרִישְׁקֵייט צוּ לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה. דִי תּוֹרָה עֶנְדִיגְט זִיךְ מִיט דִי וֶוערְטֶער (דְבָרִים ל"ד, י"ב) "לְעֵינֵי כָּל יִשְׂרָאֵל", זָאגְט אוֹיף רַשִׁ"י אַז משֶׁה רַבֵּינוּ הָאט צֶעבְּרָאכְן דִי לוּחוֹת, וָואס דָאס הָאט גֶעמַאכְט אַז מְ'זָאל פַארְגֶעסְן דָאס לֶערְנֶען (עַיֵין בְּרָכוֹת ח':), און גְלַייךְ הוֹיבְּט מֶען נָאכְאַמָאל פוּן אָנְהוֹיבּ צוּ לֶערְנֶען בְּרֵאשִׁית. דַוְקָא דוּרְךְ דֶעם וָואס אַ אִיד פַארְגֶעסְט אַלֶעס וָואס אִיז גֶעוֶוען בִּיז יֶעצְט, הָאט עֶר דִי כֹּחַ אָנְצוּהוֹיבְּן נָאכְאַמָאל פוּן פְרִישׁ. אַ אִיד דַארְף שְׁטֶענְדִיג מַאכְן אַ נַייעֶ הַתְחָלָה, פַארְגֶעסְן אַלֶעס וָואס עֶר אִיז דוּרְךְ בִּיז יֶעצְט און אָנְהוֹיבְּן נָאכְאַמָאל מִיט אַ פְרִישְׁקֵייט, אַזוֹי וִוי עֶר וָואלְט יֶעצְט גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן, און עֶר הוֹיבְּט יֶעצְט אָן צוּם עֶרְשְׁטְן מָאל דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מֶען פִירְט זִיךְ אוּם שִׂמְחַת תּוֹרָה אַז וֶוען מֶען הוֹיבְּט אוֹיף דִי סֵפֶר תּוֹרָה בַּיי הַגְבָּהָה הוֹיבְּט מֶען עֶס אוֹיף דִי פַארְקֶערְטֶע זַייט, דֶער וָואס הוֹיבְּט אוֹיף דִי סֵפֶר תּוֹרָה זֶעט נָאר דִי לֵיידִיגֶע זַייט פוּן דִי פַּארְמֶעט. דָאס קוּמְט לֶערְנֶען דֶעם מֶענְטְשׁ אַז אֲפִילוּ עֶר הָאט שׁוֹין יֶעצְט גֶעעֶנְדִיגְט דִי תּוֹרָה, עֶר הָאט שׁוֹין אַלֶעס גֶעלֶערְנְט, זָאל עֶר נִישְׁט זָאגְן אַז עֶר דַארְף שׁוֹין מֶער נִישְׁט לֶערְנֶען, נָאר מְ'וַוייזְט אִים אַ לֵיידִיגֶע פַּארְמֶעט אַז עֶר הָאט נָאךְ אֲפִילוּ נִישְׁט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ לֶערְנֶען, עֶר דַארְף יֶעצְט נָאכְאַמָאל אָנְהוֹיבְּן מִיט אַ פְרִישְׁקֵייט. אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ זֶעט זִיךְ וִוי אַ לֵיידִיג שְׁטִיקְל פַּארְמֶעט, עֶר הָאט מַמָשׁ גָארְנִישְׁט קֵיין תּוֹרָה אִין זִיךְ, קֶען עֶר אוֹיךְ אָנְהוֹיבְּן פוּן יֶעצְט, אַזוֹי וִוי אַ קְלֵיין קִינְד וָואס אִיז יֶעצְט גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן און הוֹיבְּט יֶעצְט אָן זַיין לֶעבְּן מִיט גָאר אַ נַייעֶם גֶעשְׁמַאקְן חֵשֶׁק.

מְ'דְרֵייט זִיךְ אַרוּם מִיט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אַרוּם דִי בִּימָה אֵיינְמָאל און נָאכְאַמָאל. מִיר הַאלְטְן יֶעצְט בַּיים סוֹף פוּן דִי הֵיילִיגֶע טֶעג, מִיר הָאבְּן אָפְּגֶערָאכְטְן אַ רֹאשׁ הַשָׁנָה, מִיר הָאבְּן גֶעפַאסְט און גֶעדַאוֶוענְט אוּם יוֹם כִּיפּוּר, מִיר זֶענֶען גֶעזִיצְן אִין דִי סוּכָּה און גֶעשָׁאקְלְט ד' מִינִים, יֶעדֶער אִיד אִיז זִיכֶער גֶעוָוארְן נֶענְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין דִי טֶעג, יֶעדֶער אִיד הָאט אַ הֵיילִיגֶע נְשָׁמָה וָואס וִויל זַיין וואוֹיל און עֶרְלִיךְ און נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, יֶעדֶער אִיד הָאט זִיךְ זִיכֶער פָאְרגֶענוּמֶען גוּטֶע זַאכְן בְּמֶשֶׁךְ דִי טֶעג אַז עֶר וִויל שׁוֹין אָפְּלָאזְן זַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים און וֶוערְן אַן אֱמֶת'עֶר עֶרְלִיכֶער אִיד; דֶער פְּרָאבְּלֶעם אִיז נָאר אַז סְ'גֵייט נִישְׁט אַרַיין אִין אוּנְזֶער מֹחַ אַז מִיר קֶענֶען דָאס טַאקֶע בַּאוַוייזְן און אוֹיסְפִירְן, מִיר שְׁפִּירְן אַז מִיר זֶענֶען אַזוֹי שְׁטַארְק צוּגֶעבִּינְדֶען צוּ אוּנְזֶערֶע שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן, און מִיר קֶענֶען נִישְׁט בַּאגְרֵייפְן וִוי אַזוֹי מִיר קֶענֶען זִיךְ אַרוֹיסְדֶערְזֶען דֶערְפוּן.

דֶערְפַאר טַאנְצְט מֶען אַרוּם און אַרוּם דִי בִּימָה, דָאס וַוייזְט אוֹיף דִי אַלֶע גוּטֶע זַאכְן וָואס דְרֵייעֶן זִיךְ אַרוּם אוּנְזֶער מֹחַ און עֶס גֵייט נִישְׁט אַרַיין אִינְעוֵוייניג, אַז מִיר זָאלְן אָנְהוֹיבְּן אַרְבֶּעטְן אוֹיף דֶעם אַז מִיר זָאלְן דָאס יָא גוּט אַרַיינְנֶעמֶען אִין קָאפּ, מִיר זָאלְן אָנְהוֹיבְּן פַארְשְׁטֵיין אַז מִיר קֶענֶען אוֹיךְ מַצְלִיחַ זַיין. מִיט אַ שְׁטַארְקֶע ווִילְן און חֵשֶׁק קֶען יֶעדֶער אִיד אָנְקוּמֶען צוּ דִי גְרֶעסְטֶע זַאכְן, יֶעדֶער אִיד - נִישְׁט קֵיין חִילוּק וִוי אַזוֹי עֶר זֶעט נָאר אוֹיס און וִוי אַזוֹי עֶר פִירְט זִיךְ אוֹיף - קֶען וֶוערְן אַן אֱמֶת'עֶר עֶרְלִיכֶער אִיד און אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק, עֶר דַארְף נָאר עֶפֶענֶען זַיין מוֹיל און אָנְהוֹיבְּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיין אֵייגֶענֶע שְׂפְּרַאךְ, דֶערְצֵיילְן פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס לִיגְט אִים אוֹיפְ'ן הַארְץ, און פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט דַארְף עֶר אָנְהוֹיבְּן צוּ לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה יֶעדְן טָאג, דָאס וַואשְׁט אָפּ דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן אַלֶע שְׁמוּץ, און דָאס דֶערְנֶענְטֶערְט אִים צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, און יֶעדֶער אִיד קֶען זוֹכֶה זַיין צוּ דֶעם אוֹיף אַ גְרִינְגֶע וֶועג.


## >> נייע לאקאלע נומערן

אויפ'ן פארלאנג פונעם חשוב'ן ציבור האבן מיר צוגעשטעלט פרישע לאקאלע נומערן

פאר קרית יואל און מאנסי

קול ברסלב............845-351-0910

קוואל פון חיזוק.......845-351-9060

## הבטחת מוהרא"ש

מוהרא"ש האט צוגעזאגט און מבטיח געווען אז ווער עס וועט ארויסהעלפן דאס דרוקן דעם ספר הקדוש

**אשר בנחל**

וועט זיכער זען א גרויסע ישועה און געהאלפן ווערן למעלה מדרך הטבע מיט וואס ער דארף.

יעצט האט איר די געלעגנהייט צו האבן א חלק אין דרוקן "אשר בנחל" און געהאלפן ווערן מיט בני חיי ומזוני, זיווגים הגונים, רפואות וישועות.

**רופט שוין 845-248-1651**

## חיזוק צום טיר

איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, דרשות, ניגונים, סידי'ס, USB'ס, SD'ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**347-509-4908**

און מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים.

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך**

212-444-9191 / 845-351-0910 / ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361

< BreslevCenter.com >

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעסעפיס; און נאך**

212-444-9169 /845-351-9060 / ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363

צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com**/ טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**